

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חג הסוכות
תשפ"ג לפ"ק
גליון רמ"א

**פראגע**

## איז דא עפעס א פארבינדונג צווישן יום כיפור און סוכות?

**ענטפער:**

**דער** ענטפער איז אז עס איז דא א זעלבסטפארשטענדליכע פארבינדונג. ראש השנה און יום כיפור זענען זמנים ווען מיר פראקלאמירן **מלכות שמים** – אז דער באשעפער איז דער קעניג! אגאנצן טאג זאגן מיר **"המלך הקדוש"** און **"ותמלוך אתה"**. אלע תפילות פון ראש השנה און יום כיפור זענען דורכגעדרינגען מיט די מושג פון מלך.

יעצט, איינמאל מיר האבן שוין קלארגעשטעלט אין אונזער מח די באוואוסטזיניגקייט אז **"ה' מלך"**, פאלגט יעצט נאך אז ער איז אין קאנטראל; די מושג פון **השגחה**, ער קוקט זיך אום אויף דער וועלט און אלעס איז אונטער זיין פירערשאפט.

און דאס איז פונקטליך וואס סוכות זאגט אונז. **"כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים"** – איך האב געמאכט די אידישע קינדער זיצן אין סוכות ווען איך האב זיי ארויסגענומען פון מצרים. זיי האבן נישט געהאט דעמאלסט קיין פארמויערטע שטעט מיט אוועקגעשטעלטע, שטארקע געביידעס. זיי האבן געוואוינט אין געצעלטן, אין סוכות, אין שוואכע בודקעלעך וואס זענען בכלל נישט אפגעהיטן קעגן אינוואדירער. זיי זענען אין יענע צייט געווען די וויניגסטע אפגעהיטן ווי סיי-ווען אין זייער היסטאריע.

אבער אין די זעלבע צייט זענען זיי קיינמאל שפעטער נישט געווען אזוי **פארזיכערט** ווי זיי זענען געווען אין מדבר! קיינמאל נאכדעם האבן זיי נישט געהאט אזא פארזיכערונג ווי זיי האבן געהאט אין יענע קליינע שוואכע סוכות. וויאזוי קען זיין אז זיי זענען געווען אזוי אפגעהיטן אויב האבן זיי נישט געהאט קיין שטיינערנע ווענט פאר זייערע הייזער?

און דער ענטפער איז – די סכך. די סכך סימבאליזירט אז עס איז גארנישט דא העכער דיר וואס היט דיך, חוץ דעם כבוד פונעם אויבערשטן. עס איז געווען א ספעציעלע השגחה פונעם באשעפער וואס האט געמאכט אז זיי זאלן דעמאלטס זיין מער פארזיכערט אין מדבר, ווי שפעטער ווען זיי האבן געוואוינט אין ארץ ישראל אין גוט-באפאנצערטע שטעט.

דאס איז דער לימוד פון סוכות, אז מיר לעבן אייביג אינעם **סוכות שלומיך**; מיר לעבן אין די שמירה פונעם באשעפער.

אפילו יעצט! כאטש מיר זענען נישט אזוי פארזיכערט ווי אונזערע אור-עלטערן אין מדבר זענען געווען – מיר האבן נישט די זעלבע שטארקע השגחה וואס באשיצט אונז – אבער דער אויבערשטער איז נאך אלץ מיט אונז אויך היינט!

אין יענע צייטן איז עס פשוט געווען מער אפן. די שכינה האט גערועט העכער זייערע קעפ, עס איז געווען די **ענני הכבוד**, און די ציל איז געווען אויסצולערנען פאר די אידן א לימוד פאר אלע דורות, אז אפילו ווען עס וועט נישט זיין קיין ענני הכבוד, דארף מען געדענקען אז דער אויבערשטער שוועבט העכער זיין פאלק.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

אלע אנדערע פעלקער פאלן דורכאויס די צייט און די ערד שלינגט זיי איין, אבער דער עם ישראל וועט בלייבן אויף אייביג. נישט קיין חילוק ווי שוואך מיר זענען אויס צו זיין, דארפן מיר זיך אבער אייביג דערמאנען אז מיר זענען די שטערקסטע פאלק ווייל דער באשעפער איז מיט אונז!

דערפאר איז די סוכה א זאך וואס קומט תיכף נאך מלכות ה׳. **סוכות איז** די **בטחון**, די אמונה, די פארזיכערטקייט וואס קומט פון די אנערקענונג אז דער אויבערשטער איז אונזער קעניג. און די הכרה האבן מיר איינגעקויפט דורך די עבודה פון ראש השנה און יום כיפור. (476 #)

פראגע

## אויב אלעס איז באשערט פון הימל, וואו קומט אריין די בחירה פון א מענטש אינעם בילד?

**ענטפער:**

**מיר** האבן שוין אסאך מאל דערמאנט דא אז די בחירה חפשית איז בלויז אינעם מענטש׳נס **מחשבה**; ער קען **אויסוועלן** איין וועג אדער די אנדערע, אבער די **תוצאות** פון זיינע באשלוסן דאס וועט זיך בלויז אינעם רצון פונעם אויבערשטן.

דערפאר, אויב א מענטש וויל למשל בארויבן א צווייטנ׳ס הויז; דער גנב קען מאכן א באשלוס עס צו טון, אבער אויב איז עס נישט באשערט, וועט ער טרעפן א פאליציאנט שטיין דארט ווען ער קומט אן, אדער וועט ער טרעפן אז די הויז איז גוט פארשפארט; ער וועט ווערן אנטוישט. אויב עס געלונגט אים יא צו בארויבן די הויז, איז א סימן אז עס איז שוין געווען אפגעשריבן פון פאריגן יאר ראש השנה אז יענער מענטש זאל האבן דעם שאדן.

די שאדן וואלט געקענט קומען אין אסאך אנדערע וועגן. צומאל אפילו ווי די גמרא זאגט אין ראש השנה, אז אויב א מענטש גיבט צדקה פאר גוטע צוועקן, וואלט די זעלבע געלט-שאדן געקענט אויסגעפירט ווערן מיט א מצוה. אבער עס איז געווען אפגעשריבן אז ער זאל פארלירן א געוויסע סומע פון געלט, און וויבאלד ער האט עס נישט געטון אלץ נדבה, איז עס געשען אנטקעגן זיין ווילן.

אלעס וואס א מענטש קען טון – סיי גוטס און סיי שלעכטס – איז אין זייער מחשבה. אבער אט די מחשבה איז **זייער וויכטיג**! ווייל די מחשבה איז די וויכטיגסטע חלק פון א מענטש׳נס כאראקטער, און אויב א מענטש באשליסט צו טון גוטע זאכן, און ער פרובירט וואס ער קען, ער טוט אלעס וואס איז אין זיינע הענט עס צו מאכן געשען, אפילו צומאל ווערט ער אנטוישט ווייל די **רעזולטאטן** זענען אינדרויסן פון זיין קאנטראל, באקומט ער אבער **שכר פאר זיין גוטע בחירה**.

פראגע

## וויאזוי קען א פרוי בלייבן ענטוזיאסטיש מיט איר טעגליכע אויפגאבעס פון ווינדלען און עסנייג, בשעת איר מאן גייט ארויס יעדע נאכט לערנען תורה?

**ענטפער:**

**פאר** יעדן איינעם איז געגעבן געווארן א **לייטער** ארויפצוקריכן. אלע לייטערס קומען אן צום זעלבן פלאץ. אויב איר טוישט ווינדלען, טוט איר עס נישט פאר א ׳דאלי׳, איר טוט עס פאר א צוקונפטיגן בן תורה אדער פאר איינעם וואס וועט חתונה האבן צו א צוקונפטיגן בן תורה. ווער ווייסט וועמענ׳ס זכות איז גרעסער, אייערע ווינדלען אדער אייער מאנ׳ס שיעור וואו ער גייט לערנען ביינאכט?!

עס קען זיין אז איר טוישט ווינדלען פאר א צוקונפטיגן גאון עולם, א ראש ישיבה וואס וועט זאגן העכערע שיעורים ווי סיי-וואס אייער מאן וועט נאר אמאל זאגן. און אפילו אויב נישט, אויב איז דאס וואס איר ווילט אין הארצן, נעמט עס דער אויבערשטער אן אייערע עסנייג און ווינדלען ווי קרבנות. אודאי דארפט איר אינזין האבן אז איר ברענגט יעצט קרבנות פאר׳ן באשעפער.

יעצט, צי מיינט עס אז דאס איז די איינציגסטע זאך וואס איר קענט טון? ווער האט געזאגט?! אנשטאט שפענדן "בלויז" צוויי שעה יעדן טאג אויפ'ן טעלעפאן, נעמט אראפ עטליכע מינוט און קוקט אריין אין ווערדפולע ספרים. עס זענען דא היפש ספרים וואס איר קענט ליינען. איר קענט אויסהערן גוטע טעיפס. עס זענען דא היפש זאכן וואס פרויען קענען טון. איר האט די צייט.

איר מיינט אז איר האט נישט קיין צייט, ווייל איר פילט עס אן מיט אנדערע זאכן. צווישן די ווינדלען, איין שעה אויפ'ן טעלעפאן. צווישן די עסצייג, נאך א שעה אויפ'ן טעלעפאן. "אה, איך רעד נישט אזויפיל אויפ'ן טעלעפאן; איך רעד בלויז צוויי שעה א טאג, אנשטאט דריי שעה."... איז רעדט איין שעה ווייניגער און איר וועט זיין איבערראשט פון די געלעגנהייטן וואס איר האט פאר שלימות אין אסאך אנדערע תחומים, אויסער ווינדלען און עסצייג.

אבער אויב די ווינדלען און עסצייג פארנעמען יא אייער גאנצע צייט, לאמיר זאגן איר האט דרייצן קינדער, דאן זייט פרייליך, זייט לעבעדיג אין אייער גלארייכע געלעגנהייט, איר זענט א גרויסע ראש ישיבה וואס זאגט שיעורים!

**פראגע**

## וויאזוי קען מען מאכן אז מען זאל זיין חשוב אין די אויגן פון די משפחה?

**ענטפער:**

**ערשטנס** כל, דורכ'ן נישט רעדן קיין סך. רעדן איז א וועג פון רואינירן א גוטע רעפוטאציע... ווען מענטשן זעען דיין פנים האבן זיי רעספעקט פאר דיר. דיין פנים איז א צלם אלקים. אבער ווען דו עפנסט אויף דיין מויל צו ברומען, טוסטו דיך אליינס פארראטן, און זיי זעען אז עס איז נישט אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט פון אינדרויסן, עס ליגט באהאלטן אן אייזל אינעווייניג אינעם פנים...

במילא איז זייער וויכטיג **נישט צו רעדן**. רעד נישט קיין איבריגע ווערטער!

קוקנדיג אויף דיין פנים געבן דיר מענטשן קרעדיט, דו באקומסט קרעדיט פאר חכמה, מען האלט דיר פאר א קלוגער מענטש... אבער די רגע דו עפנסט דיין מויל גיבסטו זיך ארויס...

דאס איז נומבער איינס, עס זענען דא אסאך אנדערע וועגן, אבער קודם לאמיר פראקטיצירן די ערשטע וועג און איר וועט זען ווי אפעקטיוו עס איז.

צווישן די וועגן איינצוקויפן חן אין די אויגן פון אייער משפחה איז די וועג וואס העלפט אויך מיט יעדן איינעם. **"בסבר פנים יפות"** – האב א באַטעמ'טע געזיכט-אויסדרוק, קום נישט אריין מיט א זויערן פנים. ווען דו קומסט אהיים פון ישיבה, פון כולל, פון ארבעט, יעצט בעפאר דו קומסט אריין און דו האלטסט שוין אן דעם טיר-קלאמקע שטעל דיך אפ א מינוט, נעם אראפ דעם פנים וואס דו האסט געהאט ביז יעצט און צי ארויף א מאסקע, א שמייכלדיגן פנים, און שפאציר אריין מיט א געשמאקע געזיכט, און רעד נישט... זאג – "א גוטן אוונט", קענסט זאגן – "וואס מאכט מען?" דאס אלעס. האלט דיך שטיל.

אסאך מאל פורים טוט זיך א מענטש אן א מאסקע, עס קוקט אויס זייער גוט, ער קוקט אויס נאך שענער ווי ער איז עכט... איז לאמיר מאכן פורים א גאנץ יאר! טו אן א מאסקע, א שיינע מאסקע אויף דיין פנים.

דאס איז נאך א וועג. עס איז אבער דא נאך אסאך זאכן צו טון. נאך א וועג איז אלעמאל אהיימצוברענגען געלט; מאך זיכער צו האבן גענוג געלט. אז מען ברענגט נישט אהיים קיין געלט, איז דא פראבלעמען אינדערהיים.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב